№ 5—6. דאפעלט=נומער. פרייז 85 גראָשען.

# בית יעקב

## ארטאדאקסישער חודש=זשורנאל.

Łódź, Maj—Czerwiec 1924. | ROK I-SZY. | ערשטער יאָהרגאַנג. | ב"ה, לאדז, אייר—סיון תרפ"ד.

אַבאָנאַמענטס - פרייז: אין לאַנד אַ יאָהר 8 זלאָטעס. אין אויסלאַנד: 2 דאָלאַר.

**דאָס פראָגראַם פון „אגודת ישראל":**
די לעזונג פון אַלע יודישע פראַגען אינ'ם גייסט פון תורה ומסורה אין די גלות-לענדער ווי אויך אין ארץ-ישראל.

**דער „בית יעקב" זשורנאַל איז געווידמעט:**
דאָס פאָרשפרייטען דעם רעליגיעזען געדאַנק צווישען די יודישע פרויען און טעכטער ווי אויך די לעזונג פון דעה חנוך-הבנות פראַגע אינ'ם גייסט פון תורה ומסורה.

## אינהאַלט:

רות און נעמי אָדער יונג און אלט — הרב משה חיים לויא (שאק רומעניען);

די יודישע קעניגען=מוטער – א. ז. פרידמאַן;

די אָרגאַניזירונג פון אָרטאָדאָקסישע יוגענד=פרויען — א. גפן;

פון חודש צו חודש;

רות אלס ביישפיל פאר אונז — שרה שענירער;

דער שבועות רופט... — הרב עמנואל ד"ר קאַרלעבאַך;

שידוכים אמאָל און היינט — הרב מרדכי אהרן קאַפלאַן (ניו-יאָרק);

אַ סעדער איז ער געווען? — (סקיצע) – וו. לייכטאָר;

גליק אָדער אומגליק (צייט-בילדעל) — ש. ראָטשטיין;

ווער האט מיך צוריקגעברענגט צום יודענטום — (פון אַ טאַגע-בוך פון אַ יודישע אינטעליגענטע פריילין)

אזוי קעמפט א יודישע טאכטער — שיינדעל מייער;

אלון בכות;

די „בית יעקב" בעוועגונג;

אפאריזמען – רבי אברהם אבן עזרא.

בילדער: רבי אלי' הים מייזל זצ"ל (לאדזער רב); די יוגענד-דעלעגאטען אויף דער כנסי' גדולה; דון יצחק אברבנאל ז"ל; הרה"ג ד"ר שמעון רפאל הירש זצ"ל.

רעדאַגירט דורך: א. ג. פרידנזאָן.

# בית יעקב

ארטאדאקסישער חודש-זשורנאל.

Łódź, ... Czerwiec 1924. | Rok I-szy. | ערשטער יאהרגאנג. | ב"ה לאדז, אייר סיון תרפ"ד.



הרב משה חיים ליוא
אבד"ק שאץ (רומעניען).


## רות און נעמי אדער יונג און אלט

[illegible]

דער חג הפסח איז די וויגע פונ'ם יודישען פאלק, דער חג השבועות דער פרוהלינג פונ'ם יודישען דת.

צום ווערען א פאלק מוז מען האבען די פערשמעלצונג פון פאטער און זוהן; בכדי דעם יודישען גייסט צו דערהאלטען מוז'ן טאכטער און מוטער ענג און טיף פערבונדען זיין.

דער חג הפסח מיט אלע זיינע דינים און מנהגים האט כמעט איין ציעל: צו ציפיהרען ס'קינד צום פאטער. ס'קינד פרעגט, וויל קלארקייט און דער פאטער ענטפערט, ערקלערט. און דער גרויסער זמן מתן תורתנו ברענגט מיט זיך דעם שאהנעם זאץ:

כה תאמר לבית יעקב, צו די יודישע טעכטער זאלסטו רעדען, ותגיד לבני ישראל — ווייל זי בדארף ווייטער צו געבען, זי האט די אויפגאבע דאס זעלבע די בני ישראל איבערצוליפערן.

דאס צוזאמענגעהן פון אלט און יונג אויך אין חגר פריי[illegible] זעהען מיר בולט אין דער שעהנער אידיליע — רות.

[illegible]

[illegible]

---

# ראטעוועט די נשמות פון יודישע קינדער אין סאוויעט-רוסלאנד!

## צו אלע יודען!

אויפ'סניי דרינגט אריין אין אונזערע רייהען א רוף נאך הילף פונ'ם נאהענטען מזרח. דער דאזיגער רוף ערשיטערט און מאכט אונז דערציטערן איבער די גרויזאמע און אונ'רחמנות'דיגע נויט, וואס מיר בעקומען פון איהם צו הערען. אבער דער נויט-שרייענדיגער רוף איז דאס גרעסטע עהרען-צייגניש פאר די געקוועלטע יודען פון סאוויעט-רוסלאנד. „נישט נאר ברויט שרייען זיי, טראצדעם וואס עס פעהלט זיי, זיי וויינען און קלאגען, ווייל יודען, וואס האבען שוין פערלוירען יעדען אנגעהעריגקייטס-געפיהל פאר'ן יודען און פאר יודישקייט, האבען די חוצפה מיט קראפט און געוואלט, וואס די צענטראל-רעגירונג האט איבערגעגעבען אין זייערע הענד, צו וועלען שטערען און פערבאטען דעם למוד התורה אויפ'ן נאנצען שטח פונ'ם איצטיגען רוסלאנד."

עס האנדעלט זיך נישט אין דער פראגע, ווי אזוי צו ערציהען אין רוסלאנד ביי דער דער איצטיגער לאגע יודישע גדולים און למדנים, נור אין דעם, אז די קינדער פון יודישע מוטערס זאלען נישט ווערען ערצויגען אהן יעדער שפור פון תורה פון יהדות, און אויסוואקסען צו ווילדע גרענעצלאזע עגאאיסטען. אויף עטליכע ערטער האט פארט די צענטראל-רעגירונג געגעבען די ערלויבניש, אונטער בעשטימטע און פערשידענע בעדינגונגען, יודישע קינדער א יודיש ווארט צו לערנען, דאך פאדערט די רעאליזירונג פון די ערלויבניש בעדייטענדע מאטעריעלע קרבנות.

מיר געדענקען נאך מיט גרויס דאנקבארקייט דאס מסירות הנפש און אפפער-ברייטקייט פון אונזערע ברידער ביי אונזער פאר 2 יאהר אונטערנענומענע אקציע צו לינדערן די מאטעריעלע נויט פון אונזערע ברידער אין סאוויעט-רוסלאנד בשעת דעם דארט'ן הערשענדען הונגער; „דאס גיט אונז דעם מוטה אונזערע ברידער און שוועסטער אויך איצט צו בעטען, פאר דער רעטונג פון די נשמות פון די קליינינקע יודישע קינדער, אונז בייהילפיג צו זיין און זיך אין אונזערע נייע אקציע צו בעטייליגען.

אונזערע חכמים האבען געזאגט: „תן לו משלו שאתה ושלך שלו" ווי אמת ווערט דאס ווארט ערשט דאן, ווען מען זעהט פאר זיך די געלעגענהייט, יודישע קינדער אזוי צו ערציהען, אז זיי זאלען אויסוואקסען צום כבוד פאר'ן אלמעכטיגען, פאר'ן יודישען פאלק און פאר דער גאנצער מענשהייט.

דער ועד הפועל
פון דער
אגודת ישראל וויען.

עס ווערט געבעטען שפענדען און בייטרעגע צו שיקען אויף דער אדרעס פון דער אלוועלטליכער אגדת ישראל צענטראלע:

**Agudas Jisroel Wien, II Leopoldsgasse 26 für Russland-Aktion.**

די בייטרעגע וועלען ווערען בעשטעטיגט דורך די ארגאנען, אין וועלכע דער דאזיגער אויפרוף ערשיינט.

---

דאנערשטאג, פ' בחקותי דען 29 מאי 7 אוועגד קומט פאר אין לאדז, אין לאקאל פון „בית יעקב" אלגינסקא 14

# א גרויסע פרויען-פערזאמלונג

א. ד. ט.

„די ראלע פון דער יודישער טאכטער אין דער פערגאנגענהייט- געגענווארט און צוקונפט".

רעפערירען וועלען די לייטערינס פון די „בית יעקב" שולען, פר"ל: ד. שיקערקא (גאמבין), א. ראזא (ברזעזשין), קאזלאווסקי (לאדז), ש. מאנדרי (מלאווע).

בילעטען צו בעקומען אין ביכער געשעפט מיטלער, פיעטריקאווער 46, גאוואק, פיעטריקאווער 4, פ. האלע, שרעדניא 3, ש. גרינשטיין, פיעטריקווער 7, רעדאקציע „בית יעקב" אלעקסאנדראווסקא 28.

איינגאנג נור פאר פרויען.

איינגאנג נור פאר פרויען

# בית יעקב

## ארטאדאקסישער חודש-זשורנאל.

Łódź, Maj—Czerwiec 1924 | ROK I SZY. | ערשטער יאָהרגאַנג. | ב"ה, לאדז, אייר—סיון תרפ"ד.



הרב משה חיים לויא
אבד"ק שאץ (רומעניען).


# רות און נעמי אדער יונג און אלט

ותלכנה שתי הם׳ מיט פעסטע מאנ׳ן־
טריט געהען זייביידע צוזאמען.

דער חג הפסח איז די וויעג פונ׳ם יודישען פאָלק, דער חג השבועות דער פריהלינג פונ׳ם יודישען דת.

צום ווערען אַ פאָלק מוז מען האָבען די פערשמעלצונג פון פאָטער און זוהן; בכדי דעם יודישען גייסט צו דערהאַלטען מוז׳ן טאָכטער און מוטער ענג און טיף פערבונדען זיין.

דער חג הפסח מיט אַלע זיינע דינים און מנהגים האָט כמעט איין ציעל: צו צופיהרען ס׳קינד צום פאטער. ס׳קינד פרעגט, וויל קלאָרקייט און דער פאָטער ענטפערט, ערקלעהרט. און דער גרויסער זמן מתן תורתנו ברענגט מיט זיך דעם שעהנעם זאַץ:

כה תאמר לבית יעקב, צו די יודישע טעכטער זאָלסטו רעדען.
ותגיד לבני ישראל — ווייל זי ברויכט ווייטער צו געבען, זי האָט די אויפגאַבע דאס זעלבע די בני ישראל איבערצוליפערן.

דאָס צוזאַמענגעהן פון אַלט און יונג אויך אין דער פרוי־ען־וועלט זעהען מיר בולט אין דער שעהנער אידיליע — רות.

ווי וואונדערבאַר שעהן ווערט אונז פאָרגעשטעלט די ערהאַבענע האַרמאָניע פון מוטער און טאָכטער!

פאַר אונזער פאַנטאַזיע שוועבט די איינזאַמע געשטאַלט, די פערלאָזטע אלמנה, נעמי. צוויי שאָטענס געהן איהר נאָך פוס־טריט: ערפה און רות.

ווי גרונדפערשידען אָ די צוויי!

זייענדיג אין בית לחם ווי ס׳האָט זיך געלעבט אין גרויס הרחבה, זענען אין זיי די גרויסע שנוים נישט געווען צו בעמערקען. דאס פעטס גלייכט אויס די ליניען, וואָס אונטערשיידען איינעם פונ׳ם אַנדערען; די איבריגע שלוה גיסט צוזאַמען די אַלע וואָס לעבען אין איהר צו איין שווערער מאַסע...

גלות ברענגט קלאָרקייט. אַז מ׳געהט גלות און ס׳קומט די ליידענס־צייט, רינט אָב דאָס פעטס; די ציגע און שטריכען פונ׳ם פנימיות׳דיגען לעבען זענען שוין ווידער צום דערקענען — שמערצען ברענגען דעם בירור: אינ׳ם ליידען ענטפלעקט זיך דער אייגענטליכער כאַראַקטער פונ׳ם מענש.

— — — און אָט זעהען מיר ערפה׳ן פאַר אונז מיט איהר שוואַכען כאַראַקטער, מיט איהר שוואַנגענדען מוטה. דאָס איז די היינטיגע דורכשניטליכע טאָכטער פונ׳ם יודישען פאָלק. מיט לייכטע קוים בעמערקבאַרע פעדים איז זי צוגעבונדען צו נעמי און איהר גייסט, זי געהט מיט איהר, זי וויל כלומר׳שט מיט איהר ליידען, אינערליך איז זי אָבער ווייט פון איהר און איז נישט בכח עפעס וואָס אויפצוברענגען פאַר׳ן נאָהנטקייט צו איהר און צו איהר פאָלק.

ערפה דער טיפ פון די היינטיגע יודישע טעכטער קאָן קיין ענטבעהרונגען צוליב׳ן יודישען גייסט נישט דערטראָגען. דער יודישער אידעאַל ברענט נישט אַזוי שטאַרק אין איהר האַרץ דאָס זי זאָל קענען פאַר איהם קרבנות ברענגען. זי איז צו דער אייראָפּעאישער פרוי געזונקען ביי וועלכע געָנוס איז אַלץ; האָט איין בקשה און אינהאַלט אין לעבען: הנאה האָבען, און ווען דאָס הנאה האָבען שטעהט אויך אין ווידערשפּרוך צו דער יודישער מאָראַל און עסטעטיק, — עס מאַכט נישט. דער זעלישער קשר פון איהר מיט׳ן מהות און איידעלקייט, איז גאַנץ לאָקער. זי האָט קיין חיובים און טראָגט קיין פעראַנטוואָרטליכקייטס־געפיהל אין האַרץ. נישטאָ אַלזאָ ווער עס זאָל איהר שטערען אין איהר נידריג שטרעבען צום אויסערליכען גלאַנץ און פוסטע קליינליכע הנאות. זי האָט איהר אינערליכען שופט, ס׳יודישע געוויסען, פערשענקט: נישטאָ ווער ס׳זאָל זי שטראָפען, דער כח וואָס פיהרט דעם מענש צו חשבון הנפש איז ביי איהר געבראָכען. עס עגבערט זי נישט מעהר, אַז זי בעגעהט אַ פעהלער. עס נאָגט און ציפּט איהר נישט מעהר ביי דער נשמה, ווען זי קרזיוודעט זי.

דער עגאָאיזם שטעהט ביי איהר העכער פון אַלעם, איהר נש[illegible] איז אין קייטען געשמידעט...

און עס געניגט פאַר דער יונגער יודישער טאָכטער אַ קליינע בעמערקונג מצד איהרע נאָהנטע זי זאָל זיך צו כעס׳ן און אָב׳ברעכען פון זיי. אויף אַ פרוב פון נעמי׳ן אָבצוּווענדען די יונגע שנורען פון גאָכגעהן נאָך איהר, איז באַלד ערפה בערייט איהר דעם רוקען צו ווענדען; מיט רעכט בעמערקען אונזערע חכמים:

„ערפה שהפכה עורף לחמותה".

זי הייסט ערפה, ווייל זי ווענדעט איהר נאַקען צו נעמי׳ן. זעהענדיג אַז דאָס מיטגעהן מיט נעמי׳ן וועט איהר ליידען פערשאַפען, געזעגענט זי זיך אָב און געהט איהר וועג — דעם פינסטערען גליטשיגען וועג פון אַ זינלאָז לעבען: אַ לעבען וואָס האָט קיין ציעל, קיין תכלית, אַ גייסטיג קעלער־לעבען, וואָס האָט נישט דעם מוטה זיך אין דינסט צו שטעלען פאַר אַ גרויסער זאַך

זי געהט אַליין.

ווי אַ קליין אָרים בעשעפעניש, קריכט זי אויף דער וועלט, אָהן אַ העכער שטרעבען, נאָך עפעס שעהנעס, עפעס גרויסעס.

זי געהט אַליין.

די מאַכט פונ׳ם גרויסען עבר לאָסטעט נאָך אויף איהר, נישט זי דערהויבט זי, נישט זי שטאַרקט איהר גייסט.

אַליין, אַליין.

און אַז מען געהט אַליין אין פרעמדע שטעגען בלאָנדזשעט מען.

ערפה, די היינטיגע יודישע טאָכטער בלאַנדזשעט. זי בלאָנדזשעט, ווייל זי געהט אַליין.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

און אָט ערשיינט פאַר אונז די הימלישע געשטאַלט: רות.

# WSCHÓD

ROK II — ŁÓDŹ, MAJ — CZERWIEC / אייר סיון 1924 — № 3.




## Dziewiętnaście listów o żydowstwie*

Wydał **Ben Uzyjel** **(Rabi Samson Rafał Hirsz)**

**List pierwszy.**

Mój drogi panie Naftali!

Kiedyśmy ostatnio, po długoletniej rozłące, podczas Pańskiego przejazdu, skorzystali z użyczonej nam przelotnej godzinki ponownego widzenia się, Pan, mój drogi Panie Naftali, pewno nie przypuszczał, jak wielkie zainteresowanie wciąż jeszcze wzbudza we mnie przedmiot naszej ówczesnej rozmowy. - Znalazł Pan taką zmianę w moim religijnym sposobie myślenia, a jeszcze większą w mym religijnym trybie życia, że, mimo całej swej tolerancji, nie mógł Pan stłumić w sobie pytań: „odkąd“ i „dlaczego“? — W odpowiedzi znalazłem cały szereg zarzutów przeciwko żydowstwu, na które otworzyły mi się oczy dzięki lekturze i nowemu otoczeniu dopiero po opuszczeniu ojcowskiego domu.. — Spokojnie wysłuchał Pan moje tyrady, a w końcu dopiero raczyłeś mi zaznaczyć: „Czy wydaje się Panu, że Pan zna przedmiot swego oskarzenia? Czy Pan zdołał sobie wyjaśnić samodzielnem rozważaniem, własną obserwacją i skrupulatnem badaniem przedmiot, który, jako najświętsza sprawa naszego życia, nie może być lekkomyślnie usunięty? I dowiódł mi Pan jak dalece źródłem moich informacji były z jednej strony tylko nawyknienia wychowania moich rodziców i pewne bezmyślne i pozbawione zrozumienia studjum nad Biblją i Talmudem pod opacznem kierownictwem, z drugie zaś — chrześcijańscy pisarze, nowi reformatorzy, — a przedewszystkiem pogląd na życie, który utworzył się w międzyczasie tylko dla zagłuszenia głosu wewnętrznego zewnętrznemi wymaganiami wygody. Musiałem się zgodzić z Panem co do ich niedostateczności, prosiłem nawet o pouczenie mnie. — gdy odrazu zawołał pocztyljon (objaśnić komunikację ówczesną,) — i Pan mógł przy pożegnaniu dodać zaledwie słówko: „listownie“.— Nasunął mi Pan, mój drogi Panie Naftali, wątpliwości co do moich dotychczasowych poglądów, ale Pan ich wcale jeszcze nie obalił, ani mi Pan dał jakieś lepsze wzamian. Korzystam dlatego z Pańskiego łaskawego przyzwolenia i powtarzam Panu listownie szereg mych zarzutów, nietyle poto, by usprawiedliwić przed Panem mój obecny tryb życia; ile z racji istotnego życzenia lepszego pouczenia mnie.

Każda religja. tak mnie się zdaje, powinna człowieka zbliżać do jego powołania. Czemże innem może być to powołanie jak szczęściem i doskonałością? Jeżeli zaś przyjmiemy te zasady jako skałę, ktorą mierzyć zechcemy żydowstwo, jak zabójcze uzyskamy wyniki! — Do jakiego szczęścia prowadzi żydostwo swych wyznawców? —

Od zawsze była nędza i niewola jego udziałem: nieznani lub pogardzeni przez pozostałe narody, cierpieli wyznawcy żydostwa zwykle na ubostwo we wszystkiem, co ludzi czyni wielkimi i szlachetnymi i co upiększa życie, — podczas gdy pozostałe narody dosięgły szczytu kultury, dobrobytu i szczęścia. — Sama nauka żydostwa zabrania wszelkich rozkoszy i jest hamulcem dla wszelkiej radości życia!

I oto, od dwóch tysięcy lat jesteśmy piłką do zabawy dla innych ludów, dziś jeszcze usuwani od wszystkich dróg do szczęścia. —

A udoskonalenie? Jaką kulturę, jakie zdobycie na polu nauki i sztuki, wynalazków - i wogóle jaką wielkość wydało żydostwo w porównaniu z Egipcjanami, Fenicjanami, Grekami, Rzymianami, Włochami Francuzami, Anglikami i Niemcami? — I tak oto - do ostatniego stopnia ograbieni z ludowości, uznani jesteśmy jednak za lud — i każdy z nas z tego powodu przez urodzenie jest skuty tym nieszczęśliwym

---

* Jako ankieta w sprawie wydania pracy tegoż autora: „O Izraelu i jego powinnościach“.

# פון דער אדמיניסטראציע.

מיר מאכען אויפמערקזאם די פרעסע-קאמיסיעס ווי אויך די אגענטען וואס בעקומען צוגעשיקט אונזער זשורנאל, תיכף נאכ'ן ערהאלטען יעדען נומער אונז איינצושיקען דעם בעטראג רויט פוז אונז צוגעשיקטען רעכנונג.

דאס נישט פינקטליכע אבשיקען די חובות בעשווערט דאס רעגעלמעסיגע ערשיינען פונ'ם „בית יעקב".

געלד-אַדרעס:

**L. G. Frydenzon, Łódź, Aleksandrowska 28**



**בברכת מז"ט חמה!**

בברכת מז"ט חמה הנני מברך את ידידי עוז החכם וסופר מר **יצחק יוסקוביץ** לאירושיו

**אליעזר גרשון פרידנזאן.**



בברכת מז"ט המה אני מברך את ידידי הנעלה והמצוין מר **חיים אלעזר טשערני-לעווסקי** לאירושיו את העלמה מרת **פיגא ליטמאַנאָוויטש.**

א. ג. פרידנזאן.



**מזל טוב!**

צו דער פערלאָבונג פון דער עלטסטער שילערין פר"ל **שרה באָראָווסקי** מיט ה' **אברהם הירש באַלקאן** אויס אָשוועציען ווינשען מיר א הערצליכען מזל טוב.
איהר זאלט בעזה"ש דעם אַלטען בית יעקב בענייען.

שרה שענירער

אַלע לעהרערינס און שילערינס פון דער „בית יעקב" שולע אין קראקאָ.



צו דער פערלאָבונג פון פר"ל שרה באראָווסקי אויס קראקאָ מיט ה' אַברהם הירש באלקאן אויס אָשוועציען ווינשען מיר די עלטערן מזל טוב און זיי גייסטיגע האַרמאָנישע צופרידענהייט.

שוועסטערן: רחל ראַטבלאַט
דוואָשע שיקיערקע.

אויך צו דער פערלאָבונג פון פר"ל היגדה בירנבוים אויס קראקאָ מיט ה' עהרענבערג אויס קאָשיץ וויגשט דאָס זעלבע.

ד. שיקיערקע.



וואָכענשריפטען, צייטשריפטען און יובילעאום אויסגאבען ווערען שנעל און פינקטליך אויסגעפיהרט אין דער

בוכדרוקעריי

**געברידער סמאלארסקי**

לאָדז, פיעטריקאָווער 44.



# הוצאת „נצח" לודז.

כבר יצא לאור ונמא למכירה:

1) רבי אברהם אבן עזרא „**פתגמים**" בהוצאה מיניטורית.
בכריכת בד מחירו: **600,000** מרק.

2) רבינו שבתי כהן (ש"ך): מגלת עיפה ספור מגזרת ת"ח ות"ט עם תמונת המחבר ג"כ בהוצאה מניטורית בכריכת בד מחירו **900,000** מ

הכתובת למכתבים: Wyd. „Necach" Łódź, Kielma 42

הכתובת לכספים: L. Benet Łódź, Kielma 42



# ארטאדאקס. בלעטלעך.

נומ 8–9, ניסן–אייר, פרייז 30 גר.

אינהאַלט: אונזער שטעלונג–המאירי; כ'בין עולה–וו. לייכטער; די חנוך פראַגע–הרב וויינבערג; הארץ-ציטערנישען–הרב מ. גוטמאן; ר' מ. א. האַלפערן ז"ל–ד"ר ל. ניעמצעוויטש; די רעכט פון די רבנים;–ב. יעבץ: רעפלעקסיען: ביבליאָג; ליט. ידיעות.

הויפט פערקויף:

A. M. Grubsztajn w Łodzi, Kilińskiego 5,


נישט געדרוקטע מאנוסקריפטען ווערען פון דער רעדאקציע נישט צוריקגעשיקט. זיך ווענדען פערזענליך אין רעדאקציע קאָן מען יעדען דינסטאָג און דאָנערשטאָג פון 3–5 נאכמ. — — ווענען אלערליי רעדאקציאנס און אדמיניסטראציאנס-ענינים קאָן מען זיך אויך ווענדען יעדען טאָג פון 12–1 אין דרוקעריי פיעטריקאָווער 44.


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: **L. G. Frydenzon Łodż, Aleksandrowska 28.**



# WSCHÓD

ROK II ŁÓDŹ, MAJ – CZERWIEC [illegible] 1923 № 3




## Dziewiętnaście listów o żydowstwie

Wydał Ben Uzyjel (Rabi Samson Rafał Hirsz)

List pierwszy

Mój drogi panie Naftali!

Kiedyśmy ostatnio, po długoletniej rozłące, podczas Pańskiego przejazdu, skorzystali z użyczonej nam przelotnej godzinki ponownego widzenia się, Pan, mój drogi Panie Naftali, pewno nie przypuszczał, jak wielkie zainteresowanie wciąż jeszcze wzbudza we mnie przedmiot naszej ówczesnej rozmowy. Znalazł Pan taką zmianę w moim religijnym sposobie myślenia, a jeszcze większą w moim religijnym trybie życia, że, mimo całej swej tolerancji, nie mógł Pan stłumić w sobie pytań „odkąd" i „dlaczego"? — W odpowiedzi znalazłem cały szereg zarzutów przeciwko żydowstwu, się które otworzyły mi się oczy dzięki lekturze i nowemu otoczeniu dopiero po opuszczeniu ojcowskiego domu — Spokojnie wysłuchał Pan moje tyrady, a w końcu dopiero raczył Pan mi zaznaczyć: „Czy wy[illegible] się Panu, że Pan zna przedmiot swego oskarżenia? Czy Pan zdołał sobie wyjaśnić samodzielnem rozważaniem, własną obserwacją i skrupulatnem badaniem przedmiot, który, jako najświętsza sprawa naszego życia, nie może być lekkomyślnie usunięty? I dowiódł mi Pan jak daleceźródłem moich informacji były, z jednej strony tylko nawyknienia wychowania moich rodziców i pewne bezmyślne i pozbawione zrozumienia studjum nad Biblją i Talmudem pod opacznem kierownictwem, z drugiej zaś — chrześcijańscy pisarze, nowi reformatorzy, — a przedewszystkiem pogląd na życie, który utworzył się w międzyczasie tylko dla zagłuszenia głosu wewnętrznego zewnętrznemi wymaganiami wygody. Musiałem się zgodzić z Panem co do ich niedostateczności, prosiłem nawet o pouczenie mnie, — gdy odrazu zawołał pocztyljon (objaśnić komunikację ówczesną) — i Pan mógł przy pożegnaniu dodać zaledwie słówka: „listownie". — Nasunął mi Pan, mój drogi Panie Naftali, wątpliwości co do moich dotychczasowych poglądów, ale Pan ich wcale jeszcze nie obalił, ani mi Pan dał jakieś lepsze wzamian. Korzystam dlatego z Pańskiego łaskawego przyzwolenia i powtarzam Panu listownie szereg mych zarzutów, niety[illegible] poto, by usprawiedliwić przed Panem mój obecny tryb życia, [illegible] z racji istotnego życzenia lepszego pouczenia mnie.

Każda religja, tak mnie się zdaje, powinna człowieka zbliżać do jego powołania. Czemże innem może [illegible] to powołanie jak szczęściem i doskonałością? Jeżeli [illegible] przyjmiemy te zasady jako skalę, którą mierzyć [illegible] żydowstwo, jak złe [illegible] uzyskamy wyniki! [illegible] jakiego szczęścia prowadzi żydostwo swych wyznawców? —

[illegible]

[illegible] w sprawie wydania pracy [illegible]

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

„BAJS-JAKOW"—miesięcznik literacko-ortodoksyjny

# WSCHÓD

ZESZYT III. ROK II.

TREŚĆ:

Dziewiętnaście listów o żydowstwie / (Rabi Samson) Rafał Hirsz; — Życie Abarbanela / J.; — Hilel Seideman / Boskie słowa brzmią... ;— Na marginesie: Nasz stosunek do naszej literatury; Szewuoth; Wielkie zebranie kobiet ort. w Warszawie; Bibljografja; Kronika.

Redaktor i wydawca: L. G. Frydenzon. Druk. B-ci Smolarskich, Łódź, Piotrkowska 44.

3. 20. 5. 1924.

DODATEK BEZPŁATNY

do MIESIĘCZNIKA „BAJS JAKOW“ № 5,

# דער אָרטאָדאָקסישער אילוסטרירטער פאַמיליען זשורנאַל

# „בית יעקב“

# מוז זיך געפינען אין יעדען יודישען הויז!

דער „בית יעקב“ זשורנאַל ערשיינט יעדען חודש אין יודיש מיט אַ פּוילישע ביי-לאַגע „Wschód“, מינדעסטענס 28 זייטען גרויסער זשורנאַל פאָרמאַט.

„בית יעקב“ איז געווידמעט בעקר: דאָס פערשפּרייטען דעם רעליגיעזען געדאַנק צווישען די יודישע פרויען און טעכטער און דיענט די אינטערעסען פון די אָרטאָדאָקסישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס און טעכטער-שולען אונטערן נאָמען „בית יעקב“.

אין „בית יעקב“ זשורנאַל אין יו-דישען ווי אין פּוילישען טייל בעטייליגען זיך די בעסטע און וויכטיגסטע אָרט. ליטעראַטען און שריפטשטעלער פון דער גאַנצער וועלט.

דער „בית יעקב“ זשורנאַל האָט זיך נאָך אין'ם ערשטען יאָהר פון זיין ער-שיינען קונה-שם געווען און בעליעבט גע-מאַכט ביים אָרטאָדאָקסישען לעזער-פּובליקום.

„בית יעקב“ האָט אויך די אַנער-קענונג פון די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע אָרטאָדאָקסישע אויטאָריטעטען און גדולי התורה אַלס די איינציגע צייטשריפט, וואָס עפענט די אויגען פון דער יודישער פרויען-מאַסע צו זעהען דאָס ליכט פון דער תורה און צו שטאָלצירען מיט'ן יודישקייט.

אַלע וואָס זענען פעראינטערעסירט אין דער אויפלעבונג פון יו-דישקייט און יודישען גייסט אין די רייהען פון די יודישע פרויען און טעכטער, אַבאָנירען אַליין און זעהען אויך דאָס זייערע נאָהנטע און פריינד זאָלען אַבאָנירען דעם „בית יעקב“ זשורנאַל.

יעדע אָרטאָדאָקסישע פרוי און פריילין ערפילט איהר פליכט צו שאַפען אַבאָנענטען פאַר איהר אָרגאַן „בית יעקב“, וואָס פערשאַפט איהר כבוד און גיט איהר מוטה צו קעמפען פאַר איהרע הייליגקייטען.

## אין יעדען יודישען הויז מוז זיך געפינען דער „בית יעקב“ זשורנאַל!

אַבאָנענטס-פּרייז (אין פאָראויס)

אַ יאָהר **10** גילדען (12 נומערען), אַ האַלב יאָהר **5** גילדען (6 נומערען), אַ קוואַרטאַל **2.50** (3 נומערען).

אַדרעס פון רעד. און אַדמיניסטראַציע:

**Red.: „Bajs Jakow“, Łódź, Aleksandrowska 28.**

בעמערקונג: די שטענדיגע אַבאָנענטען פון „בית יעקב“ זשורנאַל בעקומען אַלע אויסגאַבען פון פערלאַג „בית יעקב“ מיט 35 פּראָצענט ביליגער ווי דער נאָמינאַלער פּרייז און גערען אויך אַריין אין'ם גורל אָהן קופּאָנען אויף אַלע מתנות וואָס די רעד. „בית יעקב“ גיט פאַר איהרע לעזער.

Tł. Szczecińskiego w Łodzi Narutowicza 11.